בס"ד

# דברי תורה לפסח



שם ____________

כתה ד' - ה' תשס"ד

# מה נשתנה

טאַטע איך וועל בּאַ דיר פרעגן פיר קשיות:

**מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה מִכָּל הַלֵּילוֹת,**

וואס איז אַנדערש די נאַכט פון פּסח פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר?

א) די ערשטע קשיא איז:

**שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אֵין אָנוּ מַטְבִּילִין, אֲפִילוּ פַּעַם אֶחָת, הַלַּיְלָה הַזֶּה שְׁתֵּי פְעָמִים.**

אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר טונקען מיר ניט אַיין אַפילו איין מאָל, אָבער די נאַכט פון פּסח טונקען מיר אַיין צוויי מאָל, איין מאָל כּרפּס אין זאַלץ-וואַסער, דעם צווייטן מאָל, מָרוֹר אין חֲרוֹסֶת.

ב) די צווייטע קשיא איז:

**שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין חָמֵץ אוֹ מַצָּה, הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלּוֹ מַצָּה.**

אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר עסן מיר חָמֵץ אָדער מַצָּה, אָבער די נאַכט פון פּסח עסן מיר נאָר מַצָּה.

ג) די דריטע קשיא איז:

**שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין שְׁאָר יְרָקוֹת, הַלַּיְלָה הַזֶּה מָרוֹר.**

אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר עסן מיר אַלערליי גרינסן, אָבער די נאַכט פון פּסח עסן מיר ביטערע גרינסן.

ד) די פערטע קשיא איז:

**שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת, אָנוּ אוֹכְלִין, בֵּין יוֹשְׁבִין וּבֵין מְסֻבִּין, הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלָּנוּ מְסֻבִּין.**

אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר עסן מיר סיי זיצענדיקערהייט און סיי אָנגעלענטערהייט, אָבער די נאַכט פון פּסח עסן מיר אַלע אָנגעלענטערהייט.

[ויש מוסיפים: טאַטע איך האָב בּאַ דיר געפרעגט פיר קשיות, יעצט גיב מיר אַ תּירוץ.]

בס"ד



# דבר תורה



## חמץ ומצה

דער חילוק צווישן חמץ און מצה איז: -
די טייג(dough) פון חמץ האַלט זיך אין גרעסער ווערן דאַקעגן די טייג פון מצה אַרבעט מען שטענדיק(continuously) אַז עס זאל ניט אויפבלאָזן, מען היט עס אַז עס זאָל ניט ווערן קיין חמץ.

די אָפלערנונג אין עבודת ה' איז:

חמץ ווייזט אויף **גאוה** דאָס וואָס א מענטש פילט זיך העכער פון אַנדערע פונקט ווי די טייג פון חמץ האַלט אין אן אויפגעבלאָזט ווערן.
מצה ווייזט אויף ענוה, האַלטן זיך קליין, וואָס אויף דעם דאַרף מען אַרבעטן און האָרעווען (work hard) אויף ניט צולאָזן א געפיל (feeling) פון גאוה פונקט אזוי ווי מען אַרבעט אויף דער טייג פון מצה אז עס זאָל ניט אויפהויבן און ווערן חמץ.

דער יום טוב פון פסח ווערט אָנגערופן אין תורה "**חג המצות**" - ווייל דאָס איז די ערשטע או הויפט (main) אָנווייזונג פון דעם יום טוב, אז א איד דאַרף זיך אויפפירן ווי א "מצה", ער דאַרף שטענדיק(always) פילן זיך קליין, מיט עניוות.

און דורך דעם וואָס מען פירט זיך אויף מיט ענוה, ווי אַ "מצה" – חג המצות – ווערט דער יום טוב דער אמת'ער "זמן חרותינו", מ'ווערט פריי פון אלע דאגות, און מ'האט א געזונטע נשמה און א געזונטן גוף.

די דאָזיקע אפלערנונג פון חג המצות איז דאך נוגע אויף אלע טעג פון א גאנץ יאר, און ניט נאר ווי מען געדענקט א זאך וואס האט פּאַסירט, ווי חז"ל זאגן – "בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים" – מען דארף שטענדיק באַטראַכטן(think) ווי מיר אליין זיינען אַרויס פון מצרים!

איז במילא איז פאַרשטאַנדיק אז מיר דארפן **<u>שטענדיק פירן זיך מיט ענוה, ווי א מצה.</u>**

בס"ד





# דבר תורה





## מה נשתנה

די פיר קשיות לויט מנהג חב"ד זיינען געפרעגט אין די סדר:

1. מטבילין - וואס איז ____________________
2. מצה - וואס איז ____________________
3. מרור - וואס איז ____________________
4. מסובין - וואס איז ____________________

פארוואס זיינען די שאלות געפרעגט געווארן דוקא און דעם סדר?! אויב די קשיות זיינען אויסגעשטעלט (set up) לויט זייער חשיבות(importance) איז מצה וואס איז מן התורה געדארפט זיין פריער. מרור וואס איז מדרבנן (בזמן הזה) האט געדארפט זיין דער צווייטע שאלה. מסובין וואס באווייזט אויף חירות האט געדארפט זיין דער דריטע און דער קשי' וואס מיר האבן געפרעגט אין אנהויב וואס איז מטבילין האט געדארפט זיין די לעצטע. ווייל עס איז נאר א מנהג.
אויב די קשיות זיינען לויט'ן סדר איז די ערשטער זאך געדארפט זיין מסובין וואס מען טוט ביים קידוש.

די ערשטע זאך וואס די קינד פרעגט איז אויף מטבילין וואס איז א מנהג ישראל.
עס איז פאראן אזעלכע מענטשן וואס זאגן אז פאר מצוות מן התורה דארף מען האבן מסירת נפש אבער ווען עס קומט צו א מנהג דארף מען ניט האבן מסירת נפש. אויב עס איז שווער צו טאן דארף מען ניט טאן (ח"ו)

קומט דער סדר פון ליל פסח צו אונז לערנען, אז מען טאר ניט מקיל זיין מנהגים א מנהג באווייזט דער אונטערשייד (difference) צווישן א איד מיט א גוי און איז זייער חשוב.

**מנהג ישראל תורה היא!**

בס"ד





# דבר תורה

## עבדים היינו

"ויציאנו ה' ...... ואלו לא הוציא הקב"ה..."

אויב הקב"ה וואלט אונז נישט ארויסגענומען וואלטן מיר נאך געווען אין גלות. אבער באמת וואלט געווען דריי וועגן וואס די אידן וואלטן יא געקענט ארויסגיין בדרך הטבע:

1. ______________________________

2. ______________________________

3. ______________________________

אז פארוואס זאגן מיר אז מיר וואלטן נאך געווען קנעכט ביז היינט?

א) אויב פרעה וואלט אונז ארויסגעלאזט וואלטן מיר אפשר געווען פריי בגשמיות אבער ______________________________

ב) אויב ה' האט אונז ניט אויסגענומען וואלטן מיר געווען אין __________

______________________________

**<u>אויב מיר זיינען נאכאמאל אין גלות פארוואס פרייען מיר זיך אזוי שטארק מיט גאולת מצרים???</u>**

**<u>משל:</u>** אן ארעמאן וואס איז געווען אן עם הארץ, איז מיט אמאל געווארן רייך. האט ער געדונגען(hired) מלמדים וואס זאלן אים אביסל אויסלערנען.....נאך א פאר יאר איז ער נאכאמאל ארעם(poor) געווארן. אבער דאך האט ער יעדער יאר געפראוועט אין דעם טאג וואס ער איז געווארן רייך און געמאכט א יום טוב. האבן מענטשן אים געזאגט, "אבער דו ביסט דאך צוריק ארעם. וואס איז די שמחה!?" האט ער געענטפערט! - "טאקע מיין געלט האב איך פארלוירען(lost) אבער די ידיעות און די חכמות וואס איך האב באקומען(received), וועלן בלייבן מיט מיר פאר אייביג(forever). קיינער קען עס ניט אוועק נעמען. און טאקע וועגן דעם פריי איך זיך נאך יעצט.

**<u>נמשל:</u>** מיר פרייען(rejoice) זיך מיט יציאת מצרים און דערציילן יעדערן וועגן די נסים אפילו היינט זיינען מיר נאכאמאל אין גלות. מיר פרייען זיך מיט די תורה וואס מיר האבן דעמאלסט זוכה געווען צו באקומען.



**מיר פארשטייען אז דער עיקר שמחה איז שמחת התורה.**



בס"ד

# דבר תורה

## מעשה ברבי ...

"היו מספרים ביציאת מצרים כל אותו הלילה"

מיר דערציילן אין דער הגדה ווי אונזערע חכמים האבן מקיים געווען די מצוה פון סיפור יציאת מצרים דער גאנצע נאכט.

וואס מיינט די ווערטער "מצוה עלינו.....כל אותו הלילה"??

לילה איז א רמז אויף גלות.
"אותו הלילה" מיינט די גלות אין וועלכע מיר געפינען זיך איצט – דער גלות וואס איז געקומען נאכן חורבן פון בית שני.
אפילו אין דער דאזיקע גלות וואס איז אזוי שטארק און פינסטער, דארף מען דערציילן וועגן יציאת מצרים, וואס דעס איז די הכנה צו דער גאולה האמיתית והשלימה וואס וועט זיין ענלעך צו יציאת מצרים.

1. What were the חכמים discussing?______________

2. For how long?______________

3. What do the words "אותו הלילה" refer to?______________

4. What should we be doing now and why?______________

5. What will be similar to יציאת מצרים?______________



בס"ד



# דבר תורה

## כנגד ארבע בנים

"אחד חכם, אחד רשע, אחד תם ואחד שאינו יודע לשאול"

ביים סדר מיר ליינט פון דער הגדה אז דער תורה רעדט וועגן פיר זין: -

**חכם, רשע,תם ושאינו יודע לשאול**

דעם סדר פון די זין איז שווער צו פארשטיין. אויב עס איז געווען אין דעם סדר פון חשיבות איז דער רשע געדארפט זיין דער לעצטע.

פארוואס קומט דער רשע די צווייטע און ניט דער לעצטע???

אלע אידן האבן א נקודה יהודית. דער פריערדיקע רבי איז מסביר אז ס'איז פאראן דעם ווארט **אחד** ביים יעדן זון. דאס לערנט אונז אז ס'איז פאראן **אחד** אין יעדן איד – **אחד וואס איז דער אויבערשטער.**

אויך לערנט מען אז אלע זיינען בשוה. מיר האבן א חיוב צו אויסלערנען דער רשע פונקט ווי מיר האבן א חיוב צו אויסלערנען דער חכם.

**אלע זיינען חשוב!!**

~

1. What word is found by each of the four sons?________
2. What does this word refer to?________
3. What does this mean?________

________

4. What do we now know about EVERY איד?________

________






בס״ד

# והיא שעמדה



והיא - און זי (די הבטחה פון ה׳)

שעמדה - איז וואס איז בייגעשטאנען

לאבותינו ולנו - צו אונזערע עלטערן און צו אונז

שלא אחד בלבד - ווייל ניט נאר איינער אליין

עמד עלינו - איז אויפגעשטאנען

לכלותינו - צו פארלענדן אונז



אלא - נאר

שבכל דור ודור - אין יעדן דור

עומדים עלינו - שטייען די גויים אויף

לכלותינו – צו פארלענדען אונז

והקב״ה - און דער אויבערשטער

מצילנו - ראַטעוועט אונז

מידם - פון זייערע הענט



| | |
|---|---|
| א | ו |
| ב | ז |
| ג | ח |
| ד | ט |
| ה | י |

# דבר תורה

די ״אברבנאל״ איז מסביר אז דער ווארט **״והיא״** איז כולל (includes) די פיר זאכן וואס היטן (protect) אפ דעם אידישען פאלק אין יעדער דור: -

ו - ____________________

ה - ____________________

י - ____________________

א - ____________________

אין די זכות פון היטן(keeping) די תורה און האבן אמונה אין דער אויבערשטער זיינען מיר ראטעוועט געווארן.

בס"ד

# דבר תורה

## עשר מכות

.....דם....

די ערשטע מכה וואס ה' האט געבראכט אויפן די מצריים אין מצרים איז געווען "דם". דאס הייסט אז די וואסער פון דער טייך נילוס איז געווארן בלוט.
וואסער איז קאלט און נאס. קאלטקייט איז פארקערט פון קדושה ווייל קדושה איז חיות און לעבעדקייט און חיות קומט צוזאמען מיט ווארמקייט.

דאס מיינט: דיר ערשטער זאך וואס מ'דארף איינברעכן איז קאלטקייט ווייל בשעת ס'איז דא קאלטקייט צו קדושה דאן הויבן זיך פון דעם אלע ענינים וואס זיינען פארקערט צו קדושה.
דערפאר איז די ערשטע מכה געווען "דם", כדי צו ברעכן די קאלטקייט וואס איז פארקערט צו קדושה.

**מיר דארפן ווארמקייט כדי צו צוברעכן די קאלטקייט!!!**

What do we learn from the fact that the first מכה was דם?________

________________________________________

.....צפרדע....

אזוי ווי דם, דער צווייטע מכה - צפרדע איז אויך געווען פון וואסער אבער ביי צפרדע איז געווען נאך א זאך:
די צפרדעים זיינען אויך געגאנגן אין די אויווינס.
אין רוחניות מיינט דאס: זיי זיינען געגאנגן לעשן די היץ פון קליפה, זיי זיינען געגאנגען אויסלעשן אלע זאכן וואס איז פארקערט פון קדושה.
ס'איז פאראן אין דעם א הוראה פאר אונז: - פונקט ווי מ'דארף פועלן בא זיך די **ווארעמקייט צו קדושה** אזוי דארף מען אויך פועלן א קאלטקייט צו זאכן פון וועלט (די צפרדע).

What do we learn from the frogs jumping into the oven?________

________________________________________

בס"ד

# דבר תורה

## כמה מעלות - על אחת כמה וכמה....

דער צמח צדק טייטשט די ווערטער "כמה מעלות טובות למקום עלינו" און ער זאגט אזוי.. "די מעלות טובות וואס מ'זאגט צום אויבערשטע'ן זיינען מעלות נאר פאר אונז אבער פאר דעס אויבערשטער עס איז קיין אונטערשייד(difference) ניט.
דער רבי האט אנגעטייטשט דעם ווארט פון צמח צדק:
'ניט נאר זיינען די מעלות צוליב אונז, נאר די מעלות קומען דורך אונז - **דורך אונזער עבודה.**'
דאס מיינט:
דורך אונזער עבודה אין תורה און מצוות קומט צו מעלות "למקום" צום אויבערשטער.

There are 15 מעלות טובות that ה' did for us, which led up to the building of the בית המקדש. The בית המקדש therefore, had 15 steps leading from the main section (the עזרה) to the women's section (the עזרת נשים).

| | |
|---|---|
| He brought us out of מצרים | 1. הוציאנו ממצרים |
| Judged against them | 2. עשה בהם שפטים |
| Destroyed their idols | 3. עשה באלהיהם |
| Killed their first born | 4. הרג את בכוריהם |
| Gave us their treasures | 5. נתן לנו את ממונם |
| Split the ים סוף | 6. קרע לנו את הים |
| Brought us through it dry | 7. העבירנו בתוכו בחרבה |
| Drowned our enemies in it | 8. שקע צרינו בתוכו |
| Provided our needs for 40 yrs in the desert | 9. ספק צרכנו במדבר 40 שנה |
| Fed us מן | 10. האכילנו את המן |
| Gave us Shabbos | 11. נתן לנו את השבת |
| Brought us to Har Sinai | 12. קרבנו לפני הר ביני |
| Gave us the תורה | 13. נתן לנו את התורה |
| Brought us to ארץ ישראל | 14. הכניסנו לארץ ישראל |
| Built us the בהמ"ק to forgive our sins | 15. ובנה לנו את בית הבחירה לכפר על כל עונותינו |

בס"ד



# דבר תורה



## פסח מצה ומרור

לויטן סיום ה'מגידי' אלע זיין מסכים אז דער עיקר פון דער הגדה זיינען – **פסח, מצה ומרור.**

זיי זיינען דריי באזונדערע ענינים.
**מצה** איז א חיוב מן התורה
**מרור** איז א חיוב מדרבנן
און **פסח** איז נאר צו געדענקען(remember) וואס איז אמאל געווען אין דער צייט פון דער בית המקדש און צו וויסן וואס וועט זיין לעתיד לבוא.

פון דעם איז פאראן דריי אנווייזונגען(lessons) אין עבודת ה'.

**מצה** ווייזט אויף אן ענין וואס איז א חיוב. די אלע מצוות און מנהגים וואס זיינען אנגעשריבן(written) אין שלחן ערוך – זיינען קלאר(clear) אז מען דארפן זיי טאן.

**מרור** ווייזט אויף חומרות והידורים וואס א מענטש נעמט אויף זיך כדי צו ניט קומען צו טוען אן עבירה ח"ו.

**פסח** ווייזט אויף אז ניט נאר מצוות פון שלחן ערוך און הדורים דארף מען היטן אבער אויך ענינים וואס זיינען מותר, מוז מען נוצן פאר קדושה – צו נוצן אלע גשמיותדיקע זאכן אין א רוחניותדיקע וועג – צו דינען דעם אויבערדטער מיט דעם.

Write what each one of the מצוות are?____________________

________________________________________

What do we learn from the קרבן פסח part?________________

________________________________________

________________________________________

בס״ד



# דבר תורה

## פותחין הדלת

עס ווערט געבראַכט אין שלחן עורך אז ״בִּשְׁנֵי לֵילוֹת הָרִאשׁוֹנִים דְּפֶסַח פּוֹתְחִין הַדֶּלֶת. – אויפן ערשט׳ן צוויי נעכט פון פסח עפענען מען דער טיר.

רז״ל זאָגן, ״מַה שֶּׁהוּא עוֹשֶׂה, הוּא אוֹמֵר לְיִשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת.״ – אַז וואָס דער אויבערשטער דערציילט(tells) אונז צו טאָן, ער אַליין טוט עס.

מיר זיינען אָנגעזאגט(commanded) צו עפענען דעם טיר אויף די נעכט פון פסח און עס איז קלאָר(clear) אַז דער אויבערשטער אַליין טוט דעם זעלבין זאַך. דער אויבערשטער עפענט טיר׳ן און טויער׳ן (gates) פאַר יעדער איד.

יעדער איינע קען דערגרייכן(reach) צו דַרְגוֹת וואָס זיינען זייער הויך ווייל די טיר זיינען אָפען.

און נאָך מער, עס איז א יום טוב פון **פסח** – אַ יום טוב פון **שפרינגען. דער טיר איז אָפען און מיר קען שפרינגען העכער און העכער.**

1. What do רז״ל teach us?____________________

______________________________

2. What do we have the opportunity to do on פסח and why?____________________

______________________________

3. Since ה׳ open many doors and gates on the night of פסח – what would you daven for?____________________

______________________________

בס"ד

שם ______________

# שבת הגדול

When is שבת הגדול ? ______________________________

What special נס happened on שבת הגדול?______________

_____________________________________________

_____________________________________________

_____________________________________________

_____________________________________________



Nowadays on שבת הגדול we do the following............

1) _____________________________________________

_____________________________________________

2) _____________________________________________

_____________________________________________






How does שבת הגדול strongly connect to משיח?

1) _____________________________________________

_____________________________________________

2) **<u>שבת</u>** - _____________________________________

**<u>שבת הגדול</u>** - __________________________________

_____________________________________________